ליל שישי פרשת חיי שרה
כ"ד חשון תש"פ לפ"ק
11/22/2019

תוכן הענינים

ווערטל
פון די חבריא
חיזוק געדאנקען
רעקאוועורי שמועסן

מעלדונגען

12-סטעפס קאנפערענץ קאל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז דער בארימטער
12-סטעפס קאנפערענץ קאל
וואס גייט שוין אן ב"ה פאר א לאנגע צייט מיט גרויס סוקסעס דורך משה, א מעמבער אין SA וועלכער איז שוין ריין פאר איבער זעקס יאר, גרייט זיך יעצט אנצוהייבן דעם דריטן מחזור, וואו מ'וועט נאכאמאל איבערגיין דעם 12-סטעפס פראגראם, און ניצן דעם אייגענעם נסיון החיים און עקספעריענס.
אזוי אויך וועט מען אויפ'ן קאל האבן א געלעגנהייט:

* ארויסברענגען אלע שאלות בנוגע דעם אדיקשאן קרענק, דעם 12-סטעפס פראגראם, און איבער ריקאוועורי, און עס איבערשמועסן אָן קיין בושה און פחד פון שמא יאמרו...

* אויסגעפינען אויב מען איז אן אדיקט אדער סתם א שלעכטע געוואוינהייט וואס דארף א פארבעסערונג; זיך פילן באקוועם צו זיך קוקן אין פנים אריין, און זען דעם גאנצן אמת וועגן זיך און וואס קען געטון ווערן איבער דעם.

* לערנען וואס מיינט אמת'ע פרייהייט פון די עבדות וואס די תאוה ברענגט אונז, און וויאזוי מען קען דאס באקומען.

צו באקומען דעם טעלעפאן און קאוד נומער כדי צו קענען ארויפגיין אויפ'ן קאל דארף מען זיך פארבינדן מיט משה, וועלכער וועט אדורכגיין מיט דיר דיינע ספיקות און מיטמאכענישן, און זען צי דו ביסט געאייגנט דערפאר. דאס וועט ערמעגליכן פאר יעדן אינעם קאל זיך צו שפירן פארזיכערט, צו קענען זיין אפן און אמת'דיג מיט זיך און מיט אנדערע, וויסנדיג אז יעדער אויפן קאל איז געווארן געסקרינט און איז דא פאר'ן זעלבן ציל.
אויב ביסטו אינטערעסירט צו זיין א חלק פון דעם קאל, אזוי אויך אויב דו ווילסט דורכרעדן צי עס איז פאר דיר, דאן פארבינד דיך מיט משה דורך דעם פאלגענדן אימעיל: com.gmail@moisheone ( com.gmail@moisheone:mailto ), אדער מיט איינעם פון די מנהלים.
נ.ב. דער קאנפערענץ-קאל איז נישט דירעקט פארבינדן מיט'ן SA פראגראם.
*
מיר ווילן זיך באדאנקען פאר אונזער אלעמען-באקאנטן געטרייען מעמבער איך וויל זיין ערליך פאר'ן אלעמאל אונז שטיין צוהילף בכלל, און בפרט פאר'ן זיך אונטערנעמען אהערצושטעלן פרישע געשמאקע סחורה פאר'ן וועכנטליכן אימעיל, ותשואות חן חן לו.

פון די חבריא

ליב האבן די פרוי

אין קדושת לוי שטייט אויפ'ן פסוק אין דער הייניגער סדרה ויבאה יצחק האהלה שרה אמו ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה אז יצחק האט ליב געהאט רבקה. שטעלט זיך די קשיא: וואס וויל די תורה אונז לאזן הערן אז יצחק האט איר ליב געהאט?
נאר זאגט דער הייליגער קדו"ל אז די תורה וויל אונז לאזן הערן אז יצחק האט איר בעצם ליב געהאט, נישט זיך ליב געהאט, ווייל איינער וואס האט ליב א ווייב נאר ווייל ער זאל קענען זיך אליין נאכגעבן זיין אייגענע תאווה, האט ער איר נישט ליב, נאר ער האט זיך ליב, אבער יצחק האט איר ליב געהאט.
זיך אפצולערנען פון דעם ווארט דארף מען טיף אריינטראכטן אין דעם און עס איז כדאי אריינצוקוקן אין די הייליגע ווערטער.

דער עיקר איז אז מען זאל נישט ניצן די פרוי אויפ'ן אייגענעם געשמאק נאר זוכן ווי איר צוצושטעלן די גרעסטע מאס הנאה מיט רואיגקייט און געשמאקקייט כל אחד לפום דרגא דיליה.
איך האב אמאל געהערט פון אן ערליכן יוד וואס האט צוגעלייגט אז ער האט א צווייטע פשט, אז יעצט האט איר ליב געהאט און נישט ארומגעקוקט אויף אנדערע. דאס הייסט אז הא בהא תליא, אָן קיין ספק שבעולם. דוק ותשכח.
(קרעדיט: נאר פרישקייט)

חיזוק געדאנקען

שעירן פאר א צווייטן

(דער פאלגנדער מאמר האט געדארפט געשיקט ווערן פארגאנגענע וואך, אבער לא אסתייע מילתא, לייגן מיר עס יעצט דא צו.)
"וואס גייט דא פאָר? וויאזוי ארבעט דאס? פארוואס האט קיינער קיין געהעריגן תירוץ?"
אנגעלאנט דעם קאפ אויף די הענט זיצט דער אכט-און-פערציג יעריגער אברם און פרובירט צו פארשטיין ווער ס'האט באשאפן די וועלט און ווער עס פירט דאס.
"מיין טאטע טענה'ט אז דער גאלדענע אפגאט האט באשאפן די וועלט אבער וויאזוי איז מעגליך אז דער אפגאט וואס קען זיך נישט רירן און איז געמאכט געווארן דורך מענטשן ער זאל פירן די גאנצע וועלט? איך האב שוין געמיינט אז איך האב עס ארויס ווען איך האב געדינט די זון, אבער שנעל איז די טעאריע אויך צעפאלן ווען איך האב געזען ווי עס גייט אונטער. נו, קען דען דאס זיין דער וועלט פירער? האב איך געמיינט אז די לבנה איז דאס, אבער ניין, קוים אפאר שעה איז אריבער און די לבנה איז אויך אונטערגעגאנגען. נו, ווער פירט די טאקע וועלט? אה, דער חכם נמרוד וויל אויך יעדן איינרעדן אז ער האט די וועלט באשאפן. אבער ער איז דאך אויך א ילוד אשה, נו, ווער האט באשאפן זיין טאטע און מאמע? אויך ער?"
און דאן, זעענדיג זיין אמת'דיגן רצון פאר'ן אמת, האט מען אויף אים רחמנות געהאט און אים געגעבן די גרויסע מתנה אז הציץ עליו בעל הבירה, דער איין-איינציגער בורא האט זיך צו אים באוויזן און אים געזאגט "אני הוא בעל הבירה, איך האב אלעס באשאפן ולכבודי בראתיו; איך פיר אלעס און יעדע זאך וואס פאסירט, סיי גוטס, און אויך וואס עס קוקט אויס שלעכט, קומט פון מיר" און דא האט זיך דער אברם ענדליך געפילט באפרידיגט. ער ווייסט דאס אמת! אבער ער האט גוט פארשטאנען אז דער גרויסער גילוי וואס ער האט געהאט איז נישט נאר פאר אים. יעצט איז זיין תפקיד עס צו מודיע זיין פאר יעדן.
אחד היה אברהם! איינער אליינס קעגן די גאנצע וועלט קומט ער זאגן אז נישט קיין געטשקעס פון גאלד אדער זילבער און אויך נישט פון שטיין אדער האלץ, און נישט קיין כוכבים ומזלות און אוודאי נישט קיין מענטשן האבן באשאפן די וועלט, און זיי פירן עס אוודאי נישט, עס איז דא א באשעפער וואס איז יושב בשמים, אבער ער און נאר ער איז דער בורא ומנהיג לכל הברואים. צי אברם האט זיך גערישט צי נישט, האט אבער קיינער אים פארשטאנען. זיין טאטע האט אים פארשריגן און נישט געלאזט פארציילן דאס וואס זיין טאטע האט געהאלטן איז דער נייער משוגעת. נו, וואס קען מען דען ערווארטן פון א קינד וואס איז אויפגעצויגן געווארן אין א הייל?
דער אברם האט זיך בכלל נישט דערשראקן נאר ער האט אנגעגרייט א שפיצל אויפצואווייזן פאר זיין טאטן מיט אלע ארומיגע אז די געטשקעס זענען גארנישט. אין איין טאג האט ער אלע געטשקעס צובראכן און באשולדיגט דעם גרעסטן געטשקע אלס דער חורבן מאכער. ווי נאר תרח האט געזען אז אברמ'ס 'משוגעת' ווערט נאר ערגער, האט ער תיכף חרטה געהאט פאר'ן אים נישט איבערגעבן נאך ווען ער איז געבוירן פאר נמרוד'ן, וועלכער האט געוואלט הרג'ענען אלע זכרים, און תיכף ומיד האט ער אים איינגעזעצט אין טורמע און שנעל איז ארויס דער אורטייל "פארברענען אינעם קאלך אויוון."
אברם דערשרעקט זיך נישט אפילו קיין טראפ, נאר ער גרייט זיך מיט א ברען אומצוקומען על קידוש השם.
אט איז אנגעקומען דער טאג. דאס גאנצע לאנד קומט זיך צוזאם צו נקמה נעמען פאר'ן שרעקליכן בזיון אין דעם אפגאט, אבער דער אברם גייט מיט'ן קאפ אין דער הייך און זאגט קלאר: איך בין דא צו דינען דעם איין איינציגן בורא און אפילו פאר קיין רגע וועל איך נישט לייקענען אין אים. דער באפעל גייט ארויס הויך און קלאר "ווארפטס אים אריין! אבער שוין!!"
דינערט אפ נמרוד'ס קול ווען ער טראכט, באלד וועלן זיי אים נאך גלייבן.
"הא-הא אברם! דיין באשעפער וואס מאכט אלעס קען דיך דען ראטעווען פון מיינע הענט?" האט ער געשריגן, און מיט א דביקות און אהבה צום בורא עולם שרייט אברם אויס "איך גיב איבער מיין לעבן פאר דיר ווייל אין דיר גלייב איך און אין דיר און נאר אין דיר וועל איך זיין דבוק אפילו אויב דאס מיינט אוועקנעמען מיין לעבן." און מיט שמחה שפרינגט ער אריין אינעם פייער בשעת זיינע ליפן שעפשען א תפילה אז עס זאל נתגדל ווערן שמו יתברך בעולם.
"וואס גייט דארט פאר?!?!?" שרייען אלע אויס ווען אברם הייבט אן ארומצושפאצירן אינעם פייער. נמרוד, נישט וועלנדיג פארערגערן דעם מצב, האט גלייך געהייסן אים ארויסנעמען פון דארט, אבער דאן האט שוין יעדער געוואוסט אז דער גאט פון אברם איז איינער וואס קען באווייזן די גרעסטע ניסים.
אזוי ציט זיך אברמ'ס לעבן ווייטער. דא הייסט אים דער אייבערשטער זיך אריבערציען קיין כנען, און דא קומט א הונגער, פרעה נעמט אוועק שרה, און די יארן רוקן זיך, ווען ביזדערווייל זוכט אברם וואו נאך קען מען פארשפרייטן דעם אייבערשטן, וועם נאך קען מען פארציילן איבער דער וואס האט אלעס געמאכט. אזוי האט ער געעפנט און אנגעפירט מיטן באוואוסטן הכנסת אורחים, ווי אלע ווייסן שוין, אז ווען מען זעט דעם געצעלט מיט די פיר טירן קען מען זיך גרייטן אויף א גרויסע סעודה, וואו מען וועט נישט קענען ארויסגיין הונגעריג, און דער פלאץ איז געווארן דער צענטער פון פארשפרייטן דעם אור

השם. נאך א געשמאקע סעודה דארף מען נישט צאלן אפילו קיין צענט, נאר איין זאך: מען דארף דאנקען דעם וואס האט אלעס צוגעשטעלט, ניין! נישט (שוין יעצט) אברהם, נאר זיין באשעפער וואס האט אלעס באשאפן.
דער בורא כל עולמים האט א גרויס הנאה פון דער עבודה פון אברהם אבינו, אבער ער וויל ארויפברענגען די אהבה נאך שטערקער און ער גרייט זיך צו ברענגען א פרישן נסיון אויף זיין צדיק'ל. (ניין די נקודה פון א נסיון איז נישט צו זען הלנו אם לצרינו, אהער אדער אהין; די נקודה איז ארויסצוברענגען די אהבה צום אייבערשטען נאך מער ואכמ"ל).
אין איין שיינעם טאג באקומט אברהם א גילוי. עס באווייזט זיך דער אייבערשטער צום ניין-און-ניינציג יעריגן אברהם און זאגט אים "אני קל שד-י התהלך לפני והיה תמים", און גיט אים דעם ציווי ער זאל זיך מל'ן, און אנדערש ווי ערווארטעט פון איינעם וואס האט געהערט פונעם אייבערשטן אליין אני הוא בעל הבירה, איינער וואס איז געווען גרייט צו ווערן פארברענט פארן אייבערשטנ'ס וועגן, און איינער וואס האט שפאצירט אינעם פלאם-פייער ווי גארנישט וואלט פאסירט, גייט אברהם און רעדט זיך דורך מיט זיינע חבירים ענר אשכול און ממרא. ולא נח דעתו ביז ממרא האט צוגעשטימט - הוא שנתן לו עצה על המילה.
טייערע חברים, וואס גייט דא פאר? וואס איז דארט פלוצלינג געשען מיט אונזער פאטער אברהם? דער זעלבער וואס האט זיך פון גארנישט דערשראקן, דער זעלבער וואס טויט האט אים נישט געקענט אפטיילן פונעם טאטן אין הימל, אט דער האט פלוצלינג געדארפט עצות צי ער זאל יא פאלגן דעם אייבערשטן אדער נישט? קען דען דאס זיין?!
לאמיר קלארשטעלן עס איז ידוע מפי ספרים וסופרים אז די הייליגע אבות הקדושים זענען א מרכבה לשכינה, א מדריגה וואס מיר פשוט'ע אידן קענען נישט משיג זיין און אוודאי קענען מיר נישט פארשטיין זייערע מעשים און פרעגן קשיות. נאר וואס דען? עס שטייט פון דעם הייליגן תולדות זי"ע אז די תורה איז א נצחי און איז שייך פאר יעדן יוד בכל מקום וכל זמן, און אפילו מיר פארשטייען נישט און מיר האבן בכלל נישט קיין השגה אפילו נישט אינעם קנעכל פון די הייליגע אבות, אבער פון וואס עס שטייט אין פסוק קענען מיר זיך לערנען אויף עבודת השם.
עס איז ידוע וואס עס שרייבט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע אין צעטיל קטן אות י"ג, און מיר וועלן עס נאכברענגען קודם אין זיין לשון און דאן אין אידיש, וזלה"ק לספר בכל פעם לפני המורה לו דרך השם, ואפילו לפני חבר נאמן, כל המחשבות והרהורים רעים אשר הם נגד תוה"ק, אשר היצה"ר מעלה אותן על מוחו ולבו, הן בשעת תורה ותפילה, הן בשכבו על מיטתו, והן באמצע היום, ולא יעלים שום דבר מחמת הבושה, ונמצא ע"י סיפור הדברים שמוציא מכח אל הפועל משבר כח היצה"ר שלא יוכל להתגבר עליו כ"כ בפעם אחת, חוץ עצה הטובה אשר יוכל לקבל מחבירו שהוא דרך השם, והוא סגולה נפלאה עכלה"ק. אין קורצן אין אידיש: א מענטש דארף פארציילן פאר א מורה דרך אדער חבר נאמן זיינע שלעכטע מחשבות, און דאס פארציילן וועט אים העלפן זיך שטארקן אויפן יצר.
די דיבורים הקדושים פונעם הייליגן ר"ר אלימלך זענען אקטועל ביי יעדן ענין אין עבודת ה'. אבער ווען ס'קומט צו אונזער סטראגל פון קדושת היסוד האט אברהם אבינו געוואלט מאכן א סימן לבנים אז ווען ס'קומט צו די נושא דארף מען לייגן אן עקסטערן דגוש, און מ'מוז האבן הילף פון א חבר דורכצוגיין אזעלכע נסיונות!
טייערע חבירים! ווער פון אונז קען זאגן אז ער איז שוין במדריגת אברהם אבינו און ער דארף נישט אויסשמועסן מיט א חבר זיינע דורכגענג? מיר ווייסן אלע ביי זיך אז זאכן וואס ביי אברהם אבינו איז דאס בכלל נישט געקומען נאנט צו זיין א נסיון, איז פאר אונז ביטער שווער. זאגטס אליינס ווי וויכטיג עס איז צו אויסשמועסן מיט א חבר.
נו, לאמיר זען דעם פארגעשריבענעם וועג וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט אונז וויאזוי זיך אויסצושמועסן מיט אנדערע, דורכן איבערגיין וואס ער שרייבט און זען ווי זיינע ווערטער זענען ממש פאר אונז:
לספר בכל פעם לפני המורה לו דרך השם, ער זאל פארציילן יעדעס מאל פאר דער וואס ווייזט אים דער דרך השם, דער ערשטער אויף דער ליסטע איז א מורה דרך וואס פארשטייט אים און האט ארויס דעם דרך השם. אויך זעען מיר אז מען דארף יעדעס מאל פארציילן,
ואפילו לפני חבר נאמן, און אפילו פאר א באגלייבטן חבר. אויב קען מען נישט פאר א מורה דרך, למשל אויב מען האט ח"ו נישט, אדער אויב יענער וועט עס אוועקמאכן וכדומה, איז מדריגה ב' א חבר נאמן. אבער דא ליגט א ווארענונג פאר יעדן ובפרט פאר איינעם וואס האט אונזער נסיון. כדי צו פארציילן פאר איינעם מוז ער זיין א באגלייבטער חבר! און ווי די הנהלה פון הד"א האט שוין אסאך מאל געווארנט נישט מאכן קאנטאקט מיט סיי וועם פארן עס באשטעטיגן מיט איינעם פון די הנהלה, ווייל אויב דער חבר איז נאך אריינגעזונקען טיף אינעם סטראגל קען עס זיין יצא שכרו בהפסידו וד"ל.
נו וואס פארציילט מען? כל המחשבות והרהורים רעים אשר הם נגד תוה"ק, אלע שלעכטע מחשבות און טראכטונגען וואס זענען קעגן די תורה. ווען מען קומט דא אן און מען הערט פון אזא מושג פון שעירן אלע מיינע מחשבות און אלע טריגערס ווערן אסאך חבירים דערשראקן, און טראכטן, אויב איך וועל פארציילן מיינע מחשבות, א חוץ פון די בושה, אבער עס וועט נאר ווערן ערגער. אבער ניין אלעס דארף מען פארציילן,
אשר היצה"ר מעלה אותן על מוחו ולבו, וואס דער יצר הרע ברענגט ארויף אויף זיין מח און הארץ. דאס איז א חיזוק פאר די אלע וואס זענען פארנומען צו טראכטן וואס בין איך עכט? דער וואס איז ערליך אזוי‏וי איך זע אויס פונדרויסן? אדער דער וואס איז פארטוען מיט שמוץ אזוי ווי איך בין פון אינעווייניג? זאגט אונז דער הייליגער ליזענסקער רבי, אז מיר זענען הייליג און טייער, איי די מחשבות? אה, דאס קומט פונעם יצר!
הן בשעת תורה ותפילה והן בשכבו על מיטתו והן באמצע היום, סיי ווען די מחשבה קומט אריין זאל מען עס פארציילן.
איי, איך שעם זיך? ולא יעלים שום דבר מחמת הבושה, ער זאל נישט פארהוילן קיין זאך וועגן ער שעמט זיך. עס איז זייער שווער אבער עס איז שווערער צו טראגן די דרוק פון די מחשבות.
וואס וועט מען אויפטון? ונמצא ע"י סיפור הדברים שמוציא מכח אל הפועל משבר כח היצה"ר שלא יוכל להתגבר עליו כ"כ בפעם אחת, קומט אויס אז דורכן עס פארציילן צוברעכט ער דעם יצר'ס כח ער זאל זיך נישט שטארקן אויף אים אזוי

שטארק אויפאיינמאל. אנדערש ווי מיר טראכטן, אבער דאך א פאקט וואס די וואס טוען עס קענען מעיד זיין,
חוץ עצה הטובה אשר יוכל לקבל מחבירו שהוא דרך השם, דאס איז אויסער די גוטע עצה וואס ער קען באקומען פון דעם חבר. דער ציל פון האבן חברים מיט וועם צו דורכגיין דעם נסיון איז נישט פאר די עצה, אבער עס איז א זייטיגער בענעפיט,
ווי דער פסוק זאגט ותשועה ברוב יועץ,
והוא סגולה נפלאה, און דאס איז א פלאדיגע סגולה. זאג דו, וואס האט א שייכות פרק שירה מיט א שידוך? א.א.וו. עס איז נישט מיט שכל, דאס זאגט אונז דער רר"א דא. אויב פארשטייסטו נישט דעם אויפטו פון האבן מיט וועם אויסצושמועסן, נעם עס אן אלס א סגולה.
און א ווארט פאר די וואס געבן אוועק די צייט פאר אנדערע, שכרכם הרבה מאוד, אבער דא אויף די וועלט איז עס פשוט ווי אלע וואס האבן שוין עס געטון קענען מעיד זיין, עס גיט גאר אסאך חיזוק און העלפט זיך צו האלטן ריין.
דער אייבערשטער זאל אונז אלע העלפן מיר זאלן קענען זיין ריין און זוכה זיין צו די ריכטיגע גילוי שכינה און קענען מגלה זיין מלכותו יתברך על כל העולם אמן.
(קרעדיט: יונגערמאן)

רעקאווערי שמועסן

א תפילה, סתירה מיט אמונה

ס'איז דא תפילה וואס איז א סתירה מיט אמונה און סאיז דא תפילה וואס איז א חלק פון אמונה.
משל למה הדבר דומה:
איינמאל שפעט נאכמיטאג זעט זיך ר' שעפטעל אַן א ווייפערס אויף די קאר. זעט אויס ס'איז קאליע געווארן ביים פאריגן שנייי. יעצט איז שוין 8 אזייגער אוונט און מען דארף ארויספארן קיין קאנאדא און קיין געשעפט איז נישט אפן. איין פלאץ וואו מען קען דאס נאך באקומען אזוי שפעט, איז אין וואלמארט. בלית ברירה, פול מיט עגמת נפש, פארט ער צו קיין וואלמארט. ער קומט אריין אין געשעפט און עס ווערט אים שלעכט: ער ווייסט נישט וואו אנצוהייבן צו זוכן. ער גיט זיך א דריי אהער א דריי אהין און דער זייגער רוקט זיך פאראויס.
ענדליך האט אים איינער אנגעוויזן דאס פלאץ וואו עס ליגט. ער קומט אהין און ער זוכט און זוכט. ער איז שוין גוט אנגעצויגן, אבער ענדליך טרעפט ער עס. ער שפאנט פאראויס שנעל צום קעשיער. ער רישט זיך צו טרעפן א מחנה פון קעשיערס, אזוי וועט ער עס קענען מאכן שנעל, 1 2 3, און פארגעסן פונעם גאנצן עגמת נפש. דערווייל זעט ער אבער אז נאר 2-3 קעשיערס זענען אויפן.
בלית ברירה שטעלט ער זיך אנגעצויגן אין די ליניע אויף ציפעדיגע שפילקעס. ענדליך ווען ער דערזעט זיך אינדרויסן פון געשעפט גיט ער האסטיג א קוק אויפן זייגער און זעט אז דאס גאנצע געשעפט האט אים גענומען קרוב צו א שעה!
*
נאך א שיינעם טאג וואס איז דורך אויף מרת קלאפהאלץ, טראכט זי צו זיך: היינט נאכט וואלט געווען א רואיגע צייט זיך אריבערצוכאפן קיין וואלמארט פאר א פאר שעה. די קינדער שלאפן שוין, דער גרויסער בחור איז נארוואס צוריק אין ישיבה, דאס מיידל איז שוין אנפאנג וואך געפארן אין קעמפ אריין. עס איז א רואיגע צייט, און אינאיינוועגס וועט זי שוין מיטנעמען איר פארוועלקטע ליסט וואו זי שרייבט אלץ אויף זאכן וואס זי קען געברויכן אויב מען באגעגנט עס אין געשעפט.
א גוטער פלאן.
זי נעמט מיט זיך א שכנט'ע וואס איז אויך אין בערך דעם זעלבן רואיגן מצב און קען אויך ניצן אזא נאכט אויסלופטעריי, מיטן חשבן אז פאר 3 שעה גייען זיי נישט ארויס פון געשעפט.
מיר דארפן גארנישט פארציילן וואסערע אנגענעמע רואיגע אטמעספער עס איז געווען ווען מרת קלאפהאלץ מיט איר שכנט'ע האבן ארומשפאצירט אין געשעפט און באטראכט די פארשידנארטיגע ארטיקלען, נעמען און לייגן צוריק, גייען ווייטער און טרעפן א פאר גוטע זאכן וואס מען קען געברויכן אין א אידישע שטוב.
*
יעצט לאמיר קלארמאכן, וואס איז דער חילוק פון ר' שעפטל און ווידעראום מרת קלאפהאלץ? פארוואס איז ר' שעפטעל געווען אינעם זעלבן געשעפט מיט אזא אנגסט און אנגעצויגנקייט, און ווידעראום מרת קלאפהאלץ האט געשעפט פון דעם חיזוק אויף די קומענדיגע וואך?
סאיז זייער קלאר אז ר' שעפטעל האט געדארפט איין זאך: ער האט געדארפט ווייפערס פאר די קאר, ער האט זיך נישט געראכטן אז ער וועט זיך דא יעצט דארפן ספראווען מיט דעם, מילא יעדע זאך וואס ציט אויס די צייט צו פארברענגען מיט דעם ווערט ער צושפרינגען, ווייל אים ליגט פאר די אויגן די ווייפערס זאלן ליגן אויף די קאר, און ווי לאנג דאס וועט נישט פאסירן, וועט ער שפרינגען. דאס זוכן די ווייפערס איז על אפו ועל חמתו; דאס פארן צו וואלמארט איז אים אן אפקומעניש; דאס שטיין ביים רעדזשיסטער און ווארטן אין דער ליניע איז אים אן אפקומעניש, אלעס ווייל דאס איז נאך א זאך און נאך א זאך וואס האלט אים בלויז אויף פון די זאך וואס ער וויל שוין זען לאנג פערטיג.
מרת קלאפהאלץ איז נישט דא פאר די זאכן וואס זי קויפט יעצט. זיכער קויפט זי נישט קיין איבריגע זאך, אבער דאך איז זי נישט דא פאר דעם. זי איז דא צו אטעמען יעצט רואיגע לופט און דאס האט זי סיי אויפן וועג צו וואלמארט, סיי ביים ווארטן אין דער ליניע, און אפילו ווען זי דארף עפעס זוכן, ווייל וואס אימער זי טוט יעצט, דאס איז א חלק פופן דער אויסלופטעריי וואס איז דער עיקר ציל דא.

*
יעצט לאמיר זען וואס איז אונזער ציל ווען מיר דאווענען צום אייבערטשן ווען מיר בעטן פון אים אונזערע תפילות.
ווען איינער בעט דעם אייבערשטן זיינע צרכים, למשל העלף מיר איך זאל אנקומען צו מיין אפוינטמענט פונקטליך, גיב מיר געלט איך זאל יעצט קענען ארויסגיין עפעס קויפן, גיב מיר הצלחה אין דעם נייעם בייפאל וואז איך גיי היינט אנהייבן פרובירן ביי מיר אין געשעפט, דאס איז א סתירה צו אמונה. עס טראגט א פנים ווי יענער וואס איז ארומגעפארן די גאס צו טרעפן א ליידיג פלאץ צו פארקירן זיין אויטא, און אזוי זוכנדיג שעפשעט ער א תפילה צום אייבערשטן, באשעפער העלף מיר איך זאל שוין טרעפן וואו צו פארקן. פלוצלינג באמערקט ער פאר זיין נאז אויף זיין לינקע זייט א ליידיג פלאץ צו פארקן, גיט ער א זאג, סאיז שוין אקעי באשעפער, איך האב שוין געטראפן א פלאץ, איך דארף שוין נישט, שכח עני וועי...
ווער זאגט דיר אז עס איז אזוי גוט אז דו זאלסט אנקומען צום אפוינטמענט אזוי פונקטליך? אפשר דער באשעפער וואס זעט יעצט זאכן וואס דו זעסט נישט זעט אז עס איז גאר א טובה דו זאלסט אנקומען אביסל שפעטער? ווער זאגט דיר אז אויב דו וועסט האבן געלט צו קויפן עפעס, גייט דיר אזוי גוט זיין? דו ווייסט דאך נישט אלעס. ער ווייסט יא אלעס, און אפשר לויט זיין אינפארמציע כביכול איז בעסער פאר דיר אז דו זאלסט נישט האבן יעצט קיין געלט? די זעלבע זאך ווען דו קומסט אויף מיט א נייעם בייפאל אין געשעפט, אפשר האט דער אייבערשטער א בעסערן בייפאל, מילא מתפלל זיין אז זאכן זאלן גיין מיין וועג וואס איך האב מיר אויספלאנירט אז עס איז גוט, איז קלאר א סתירה מיט אמונה.
אויב איינער וויל זיך דינגען מיט דעם אז ער האט יא אמונה, והראי' ווען נישט וואלט ער דאך נישט געבעטן דעם אייבערשטן. אמת, ער האט מער אמונה ווי איינער וואס גלייבט נישט אינגאנצן, סאיז זיכער א געוויסע דרגה אין אמונה, אבער ווילאנג ער האלט אז ער ווייסט וואס איז גוט פאר אים, וועט זיין ציל ביים דאווענען זיין נאר צו האבן וואס ער וויל, און ווי שוין געזאגט אויבן וועט ער פון אזא אמונה האבן די זעלבע עגמת נפש וואס ר' שעפטל האט געהאט מיט די ווייפערס פאר זיין קאר.
נאר ווי אזוי דען דארף אויסקוקן אונזערע תפילות?
אונזער ציל ווען מיר בעטן דעם אייבערשטן אונזערע געברויכן זענען בעיקר דריי זאכן:
1) מתפלל זיין פאר אנדערע אידן, ארייננברענגען אין אונזער הארץ א געפיל פאר אנדערע אידן און בעטן פאר זיי. מיר טרעפן ביי איוב וואס דער אייבערשטער האט אים געשטראפט, ער האט פארלוירן זיינע קינדער, זיין גאנצע פארמעגן און ער איז אליין געווארן געשלאגן מיט יסורים. ווי אזוי איז ער געהאלפן געווארן? זאגט דער פסוק
והשם שב את שבות איוב בהתפללו בעד רעהו ויסף השם את כל אשר לאיוב למשנה... והשם ברך את אחרית איוב מראשתו, אלעס נאר ווייל ער האט מתפלל געווען פאר זיינע חברים.
אזוי אויך טרעפט מען ביי יצחק און רבקה. יצחק האט געבעטן פאר רבקה, און רבקה האט געבעטן פאר יצחק, און אזוי זענען זיי געהאלפן געווארן. דער ענין דערפון איז ד' צילך; דער אייבערשטער פירט זיך מיטן מענטש געגנוי מיט די מידות וואס דער מענטש זעלבסט פירט זיך, און אויב דו האסט רחמנות אויף יענעם האט דער אייבערשטער רחמנות אויף דיר, דאס מיינט אז ער העלפט אונז נישט ווייל מיר האבן אזוי געוואלט און געבעטן פון אים, מיר האבן זיך געפירט אזוי ווי ער וויל לויט זיין רצון מיט רחמנות אויף אנדערע. דאן איז זיין דרך זיך צו פירן מיט אונז אויפן זעלבן וועג.
מיר זעען אז חז"ל לערנען ארויס פון אברהם אבינו ווען ער האט מתפלל געווען אויף אבימלך אז ער זאל נפקד ווערן בשעת ווען ער האט נאכנישט געהאט קיין קינדער, אז המתפלל בעד חברו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה, ווייל דאס איז דער ריכטיגער וועג פון תפילה.
פארדעם ווען מיר זענען מתפלל תפילת שמונה עשרה איז אלעס בלשון רבים. מיר זענען מתפלל פאר אלע אידן און אגב זענען מיר אויך א חלק פון כלל ישראל. חננו מאתך חכמה איז א לשון רבים, די זעלבע השבנו, סלח לנו, ראה נא בענינו, רפאינו, א.א.וו. מיר בעטן נישט געב "פאר מיר" דאס אדער יענץ וואס איך וויל זייער שטארק עס זאל מיר גיין גוט. מיר זענען מתפלל פאר אלע אידן און פארשטייט זיך אז מיר זענען אויך נכלל און דעם, און אלע תפילות וואס איז נאר דא פון פריערדיגע גייט מיט דעם נוסח. ביי געוויסע פעלער נאכן בעטן פאר אנדערע זאגט מען ובכללם זאלסט מיך אויך העלפן.
2) אויך טרעפן מיר ביי אלע בקשות וואס מיר בעטן ביי שמונה עשרה פאר אונזערע צרכים ענדיגט זיך די ברכה מיט א נתינת טעם כי קל טוב וסלך אתה, כי קל גואל חזק אתה, כי קל מלך רופה נאמן ורחמן אתה, כי קל טוב ומטיב אתה ומברך השנים, כי אתה שומע תפילת כל פה. דאס מיינט אז מיר זענען מגלה דעת נאכן בעטן פאר זיך אז מיר גלייבן אז דו ביסט דער וואס טוט די אלע זאכן. דאס מיינט אויב כי קל גואל חזק אתה איז נישט קיין סתירה צום ראה נא בענינו. מיר בעטן נאר אויב עס איז איינשטימיג מיט דיר. איי פארוואס דארפן מיר בעטן, דא קומט די דריטע זאך.
3) דער אייבערשטער האט געוואלט מיר זאלן גלייבן אין אים און שפירן נאנט מיט אים און רעדן צו אים אלעס וואס באדערט אונז, זיך אויסשמועסן מיט אים, און מיר דאווענען נאר ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט אז דאס איז זיין רצון. ווען מען האט די אויבנדערמאנטע צילן ווען מיר דאווענען, זעען מיר ענדערש אויס ווי מרת קלאפהאלץ. מיר טוען זיך פארבינדן מיט אונזער באשעפער און מיר רעדן מיט אים, מיר בעטן אויף אונזערע ברידער, און אינאיינוועגס וועלן מיר אויך געהאלפן ווערן ווייל דער אייבערשטער וועט גיין מיט'ן וועג וויאזוי ער פירט זיך מיט מענטשן און וועט געבן וואס מיר האבן געבעטן פאר אנדערע.
(קרעדיט: עבודת הבורא)

פאר סיי וועלכע הערה/הילף, אדער צו מנדב זיין אן אימעיל (וואס ווערט געשיקט צו נאנט צו איבער 1000 אדרעסן) און האבן דעם געוואלדיגן זכות צו זיין ממזכי הרבים, ביטע ריפלייען צו דעם אימעיל

דאונצולאודן אונזער "האנטבוך" דריקט דא ( http://guardyoureyes.com/live/ebooks?task=callelement&forma

t=raw&item_id=213&element=f85c494b-2b32-4109-b8c1-083cca2b7db6&method=download )
זיך אראפצוסיינען פון די אימעילס